# אשי ישראל
# השלם



## אידיש



ט

# ספרי רבינו הקדוש

דעמאלטס איז נישט געווען קיין עראפלאנען, האט מען געדארפט פארן מיט א שיף א חודש צו צוויי, ס'געווען סכנות צו פארן מיט א שיף. נו, היינט אז ס'איז דא אן עראפלאן, נו, מ'קען נישט פארן קיין אמעריקא נאר מיט אן עראפלאן, דאס הייסט - אז מ'וויל זיין אין פיר שעה אין אמעריקא - אהן אן עראפלאן גייט עס נישט.

אזוי איז אויך אז מ'וויל זוכה זיין צוצוקומען צום הייליגן רבין, מ'וויל אויף זיך רחמנות האבן - דארף מען איהם פאלגן! וויאזוי ער לערנט אונז! **און ס'איז שוין דא אלעס וואס מיר דארפן; די לקוטי מוהר"ן, די לקוטי תפלות, די ליקוטי הלכות, ס'שוין דא! דארטן געפונט זיך יעדער איינער וואס איהם פעהלט, און וואס ס'איהם שלעכט, וואס ער דארף!** און אזוי יעדער תורה - ווער שמועסט אז ס'שוין דא אזויפיל תורות!

איך האב תמיד געקלערט - כ'האב געזעהן אזויפיל ספרים פונעם רבי'ן, א ליקוטי הלכות אויף די ארבעה שולחן ערוך, די אמאליגע בלעטער איז געווען גראבע בלעטער... האב איך געמיינט אז 'נחל נובע מקור חכמה' - אזויפיל ספרים! ס'איז א קוואל! אבער נאכדעם בין איך געקומען - מעצמי, נישט וואס כ'האב מקבל געווען פון עימיצן, איך האב דאס געפיהלט - **אז יעדער 'דיבור' וואס איז ארויסגעגאנגען פון רבי'ן - פון רבי נתנ'ען - איז א 'נחל נובע מקור חכמה'!**...

*

*[חוזר לענין ראשון, שסיפר לעיל שרבי שלמה וועקסלער התאונן לפניו שאין לו דיבורים בהתבודדות]*

איך האב מיר געוואונדערט - כאטשיג איך בין דאך אויך געווען אין דער צרה - כ'קען נישט האבן קיין התבודדות, כ'האב נישט קיין דיבורים, איך בין ווייט פון דעם. איך קום צו גיין צו התבודדות, און איך בין ווי א שטיין, ס'גייט נישט. וואס טוהט מען?! אוועקגיין? יא זיצן, נישט זיצן, אוועקגיין? וואס האב איך דערפון?! ניין, מ'האט יא דערפון!

און דער רבי שלמה - ער איז געווען אזא איש אמת, ער איז געווען בכבודו של עולם, ער איז געווען - די גאנצע שטאט ירושלים. ירושלים איז נישט סתם א שטאט, אין ירושלים איז דא עובדי השם, לומדים גרויסע, און רבי שלמה איז געווען 'איינער' אין ירושלים - 'איינער' אין ירושלים! אלע - מ'האט דערמאנט רבי שלמה'ס נאמען איז געווען - -

* * *

[רצועה Track 3]

*[המשך בענין התבודדות בלי דיבורים]*

- - נאך א שעה, נאך א שעה. און דאס נעמט זיך צוזאמען, און סוף כל סוף האט דער אייבערשטער רחמנות - אז דער אייבערשטער זעהט אז מ'וויל באמת, און מ'שטעלט נישט אפ, מ'איז נישט מהרהר אחריו - -

רבי נתן זאגט דאס! איך זאג דאס?! 'רבי נתן' רעדט אזוי! רבי נתן זאגט; אז מ'קען נישט האבן קיין דיבורים וועגן התבודדות זאל מען זיצן און בענקען. און סוף כל סוף, אז ער וועט בענקען און ער וועט זיך שטארקן אין רצון - וועט ער זוכה זיין!

און דער הייליגער רבי רעדט דערפון אויכעט אסאך, דער הייליגער רבי - -

*

*[שייך לסיפור התקרבותו, איך שמצא את הספר השתפכות הנפש]*

און פון דעם ספר האב איך געזעהן פלאות, פון דעם וואס דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן, כ'האב געפונען אין מיסט דעם השתפכות הנפש, עפעס אזא השגחת הבורא! איך באטראכט זיך אצינדער, בשעת מעשה מיינט מען; ס'איז א דרך הטבע, כ'האב געזעהן אין שמות - גראדע געווען א השתפכות הנפש... אבער אצינדער זעה איך למפרע וואס דאס איז געווען - הוילע השגחה!...

וויאזוי האב איך אפגעלאזט - - זיי זענען געווען צדיקים, קדושים, אזעלעכ'ס. נו, איז געקומען איינער אן ארימאן (רבי ישראל קארדונער זצ"ל) - - כ'האב נישט געהערט ער זאל האבן א נאמען... אבער די מעשה איז מיט מיר געווען, האב איך געזעהן אזעלעכס - -

כאטשיג דעמאלטס בין איך נאך געווען אינגאנצן אינדרויסן, ס'געווען דער ערשטער נאכט, אבער ס'האט מיר אריינגעשיינט אין הארצן אריין זיינע הייליגע דיבורים, אזעלעכ'ס אז כ'האב נאך נישט געהערט זייט איך לעב - כל ימי חיי!

נו, לערנט מען ארויס פון דעם 'גודל כח האמת'! ס'איז אזעלעכ'ס, וואס דעם 'אמת' - וואספארא כח ס'האט!

*

*[ממשיך לענין התבודדות בלי דיבורים]*

אז מ'דינט דעם אייבערשטן, אז מ'גייט האבן התבודדות - דאס איז דער עיקר עבודה, און דאס איז אן עיקר פונעם גאנצן אידישקייט! אהן דעם שעה איז מען אומגליקליך! מ'דארף האבן מסירות נפש דערויף. מ'זאל זיך אויסקלויבן אן ארט וואס זאל זיין אן ארט, צו אין פעלד - צו אין יישוב, אבער ער זאל זיין מוכן צו רעדן פאר השם יתברך!

און טאמער קען ער נישט רעדן איז - בענקען; **רבונו של עולם, איך וויל מיר אויסרעדן מיין הארץ פאר דיר!** - בפשיטות ובתמימות. סוף כל סוף וועט מען זוכה זיין!

מ'איז מהרהר, מ'וויל זוכה זיין צו א שעה, כ'וויל זעהן, איך בעהט - אפילו כ'האב שוין דיבורים - כ'בעהט אויף א זאך, איך זעה נישט, פארקערט - ס'ווערט נאר ערגער, צו כ'ווייס וואס, איך זעה נישט גארנישט - -

ס'טוהט זיך! אז מ'שטעלט צו א יוך קאכן - תיכף האט מען שוין די יוך?! ס'דארף געדויערן אסאך - - קאכט, קאכט, קאכט, קאכט...

אוודאי - על רגל אחת?! מ'דארף האבן סבלנות! אז מ'האט אמונה און בטחון - אזוי ווי אויף גשמיות - דארף מען האבן אויף רוחניות אויכעט אמונה און בטחון!...

*

[איר ווייסט, ס'וואלט געפאסט אז איך זאג אייך - - דאס אלעס וואס איך זאג אייך, נעבעך - דער אייבערשטער ווייסט דעם אמת, מ'שעהמט זיך אויסצוזאגן פאר מענטשן נעבעך וויאזוי מ'זעהט אויס, וואס קען ער מיר העלפן. אפילו רבי ישראל (קארדונער זצ"ל) וואס האט מיר געקענט העלפן, האט ער נישט געוואלט הערן, טאמער האב איך געוואלט זאגן עפעס פנימיות - ניין! דאס איז נאר פאר'ן צדיק אמת - וידוי דברים! איך נישט! ער האט נישט געוואלט בשום אופן!]

*

אנטקעגן וואס זאג איך דאס?! יא, אז מ'דארף זיין א עקשן, מ'דארף זיין שטארק. דער הייליגער רבי זאגט; **עיקר הגבורה בלב**! דורכדעם נעמט מען איין אלע מלחמות! מ'דארף זיין א גיבור - מ'דארף זיין א גיבור.

איז אזוי, דער מענטש וואס וויל זיך אפרייניגן פון די הבלי העולם הזה, הייסט ער דאך - דער היפוך פון דער וועלט!... ער דארף האבן מלחמה מיט די גאנצער וועלט!... ער דארף שטיין - מיט'ן מוח, מיט'ן דעת - ס'שטימט נישט מיט דער וועלט, ס'איז פונקט פארקערט!...

*

איך בין אזוי - איך שעהם זיך אויסצוזאגן וויאזוי איך זעה אויס, וואס מיט מיר טוהט זיך. אבער דאס איז דער ריינער אמת! איך רעד דערפון, נישט 'איך' זאג אייך, איך זאג אייך 'התבודדות' - - איז משמע אז איך בין שוין מסתמא - - איך בין נעבעך - איך שטיי אינגאנצן אינדרויסן, איך שעהם זיך אויסצוזאגן ווי ווייט - מ'טאר נישט אויסזאגן אויכעט. אבער מ'הערט מעהרער - דער הייליגער רבי האט געהייסן; **'ומקבלין דין מן דין'**! אז וואס איך ציהל, וואס איך בענק מיינע יארן - כ'האב נאכנישט זוכה געווען דערצו, אבער מ'דארף רעדן פון דעם - אז מ'דארף בענקען, און מ'דארף דאגה'נען, מ'דארף זעהן צוקומען צו דעם, מ'דארף! מ'דארף! אבער נישט חלילה וחס - איך שטיי שיין, איך בין שוין צוגעקומען דערצו...

*

איך דערצייל אייך עקסטער פון רבי שלמה (- וועקסלער זצ"ל, שסיפר לעיל שהתאונן לפני רבי ישראל בער שאין לו דיבורים להתבודדות) - ער זאגט ער קען נישט האבן קיין התבודדות... אזא איד, א איש קדוש, אזא מין עסן, שלאפן, אזא מין - - געזעצן על התורה ועל העבודה. נישט פאר געלט, ער האט גאר נישט געוואוסט פון קיין געלט פון דער וועלט. יעדער מענטש - אפילו אן עובד השם, אבער מ'גייט אין א ישיבה, עפעס, מ'מוז דאך האבן פרנסה! ער - געלט איז געווען גארנישט! דער אייבערשטער האט אבער צוגעפירט אז מ'פלעגט איהם שיקן פון דייטשלאנד - ער האט געהאט דארט משפחה, זיי האבן געוואוסט אז רבי שלמה איז א הייליגער מענטש, האבן זיי איהם געשיקט.

אזא רבי שלמה - קען מיר איינפאלן אז רבי שלמה קען נישט האבן קיין התבודדות - וואס ער איז אזא הייליגער מענטש?! כ'האב געזעהן אז עס גייט איהם אינגאנצן אין לעבן... ער קען נישט האבן קיין התבודדות!...

*

*[המשך תיאור עבודת התפלה של רבי ישראל קרדונער זצ"ל]*

און דער רבי ישראל (קארדונער זצ"ל) - ער איז געווען אזא מין בעל בכי, איך האב דערציילט - ביי רבי שמעון וואס כ'האב געזעהן (שעמד אצל הציון בתוך אגם של דמעות, כמסופר למעלה). אבער ער האט כסדר פארגאסן טרערן, גראדע האב איך געזעהן - איינמאל האב איך געזעהן - ס'האט זיך געטראפן...

ער איז געווען א בעל בכי, ער פלעגט וויינען פאר השם יתברך אזויפיל, אזוי ווי - מער ווי א קינד וואס וויינט; גיב מיר דאס, גיב מיר דאס!... איך פלעג צוגיין! איך פלעג צוגיין!

*

דאס האב איך געזעהן זיין דאווענען, איך בין געשטאנען ביים טיר האלב אינדרויסן, אויב כ'וועל שוין נישט קענען זיין אין די שטוב זאל איך קענען ארויסגיין! איך בין געווען מיט איהם, איך האב

שוין מורא געהאט אז נאך דעם דאווענען וועט ער שוין נישט זיין אויף דער וועלט!... ער וועט אויסגיין!

כ'האב געזעהן ביי פסוקי דזמרה - כ'האב מורא געהאט, ביי די ברכות פון קריאת שמע, כ'האב געהערט ער זאגט 'שמע ישראל' - - על כל פנים, 'ברוך שם', כ'האב געהערט א קול, כ'האב געהערט אז ער לעבט...

נו, איך דערצייל עס - דאס דאווענען וואס עס איז געווען דעמאלטס ביי די מושבה, וואס עס האט איהם געטראפן דער רעגן, מיט דעם מבול, און מיר האבן געהאט נסים, האב איך געזעהן אזא מסירת נפש - למעלה מן הטבע! וויאזוי קען זיין - איך קען נישט רירן מיט קיין איבר, נאך אזא טאג, נאך אזעלעכס - - זאל ער אויפשטיין צו חצות?! און מאכן אזא דאווענען?!

איך בין צוגעגאנגען - כ'האב מיר אויפגעהויבן, כ'האב נישט געקענט! אבער איך בין געלעגן אויף שפילקעס, כ'האב געהערט אזא חצות - קען מען שוין שלאפן?! קען מען שוין ליגן?! נו, האב איך מיר געשטארקט מיט אלע כוחות און איך בין אויפגעשטאנען, בין איך געזעצן ביים טיש. ער האט געהאט ביי זיך לעכטלעך מיט שוועבעלעך, דאס איז געווען א יקר המציאות, איז ער געזעצן ביי א לעכטל מיט א ספר, בין איך צוגעגאנגען האב איך געזעהן דאס פנים, ס'איז מיר געפאלן א פחד און בושה - - און די באלאטעס דארט ווי ער איז געזעצן האט געציטערט - די טיש מיט די בענקלעך, יא.

*

איך וויל ארויסגיין, איך וויל זיין בעסער, א מענטש וויל זיין בעסער, בפרט אז מ'איז מקורב צום הייליגן רבי'ן, מ'ווייסט וויאזוי מ'דארף זיין. מ'וויל, מ'בענקט, אבער וואס טוהט מען?! - דער גוף לאזט נישט! דער גוף וויל זיינס!

כ'האב געזעהן - ער האט נישט געגעסן קיין שום זאך, נאר ברויט מיט טיי!... **אין ארי נוהם מתוך קופה של תבן** (- **אלא מתוך קופה של בשר**, עפ"י גמרא ברכות ל"ב ע"א) - א לייב אז ער עסט זיך אהן מיט פלייש - ברומט ער! דער גוף אז מ'גיבט איהם א שטיקל ברויט - ברויט מיט טיי - איז גאר עפעס אנדערש!

אבער דער גוף וויל - ס'איז שווער פטור צו ווערן... ער וויל דאס און וויל יענטס - ער וויל אלסדינג!...

דעם רבי'נס מוטער האט געהאט אויף איהם טענות; וויאזוי לעבט ער?! וויאזוי האט ער א קיום אויף דער וועלט אז ער עסט נישט גארנישט?! האט זי געפרעגט - וויאזוי ער לעבט?! האט ער איר געזאגט; ביי מיר איז דא מענטשן וואס זיי לעבן מיט א חכמת חיים - וואס זיי קענען לעבן - א חכמת חיים אויף דער וועלט!

* * *